- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

**די יגיעת התורה פון רשב"י**

'אין דברי תורה מתקיימין אלא
במי שממית עצמו עליה'


יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

ל"ג בעומר שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון כו -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י ידידינו היקר שביקרים האברך
החשוב הנכבד והמפואר, איש האשכולות
העושה גדולות, ירא ושלם המוכתר בכל
מעלה ותואר, בעל מדות תרומיות מפורסם
לשם ולתהלה בפי ישרים,

# כש"ת מו"ה אהרן גרויז הי"ו

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר
שליט"א יגן בעדיו שיתברך בכל מעשי ידיו
בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן
וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך
עושר ואושר כל ימי חייו

הלימוד בגליון דהלז
יהיה לזכות רפואתו השלימה והמהירה של
**מרן רבינו שרגא פייביש בן מלכה שליט"א**
בתוך שאר חולי ישראל

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# די יגיעת התורה פון רשב"י

**'אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה'** (ברכות סג:)

שיחה לבחורי חמד - ל"ג בעומר שנת תשס"ט לפ"ק

## דער הייליגער טאג - ל"ג בעומר

מען שטייט היינט אין דער געוואלדיגע דערהויבענע טאג פון **'ל"ג בעומר'**, אינעם טאג פונעם הילולא קדישא פון התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי. און ידועים הדברים און יעדער איינער ווייסט איבער די מורא'דיגע השגות און מדריגות וואס רבי שמעון האט זוכה געווען צו משיג זיין בסודות התורה, און די א מורא'דיגע ליכטיגקייט און שיין וואס ער האט אראפגעברענגט פאר די גאנצע וועלט, וואס שיינט און לייכט פאר אלע דורות, ביזן היינטיגן טאג, אין די הארץ פון יעדע איד איבער די גאנצע וועלט.

בפרט ווען עס קומט צו די הייליגע טאג פון 'ל"ג בעומר', וואס אין דער טאג עפענען זיך די שערי שמים, און די אור און כח פון רבי שמעון פארשפרייט זיך איבער די גאנצע וועלט, און איז מכניע די קליפות און טמאות החיצונים, און די אור ווערט נתעורר יעדע יאר אינעם הייליגן טאג פונעם הילולת הרשב"י, און יעדע איד אין כלל ישראל באקומט גרויסע כוחות צו קענען קונה זיין און משיג זיין מורא'דיגע מדריגות אין תורה[א].

---

א אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (סוף אידרא זוטא, דף רצו:), ווען די הייליגע מיטה פון רבי שמעון איז אנגעקומען קיין מירון, איז ארויסגעקומען א בת קול פון די מערה, און געזאגט: "זה האיש מרעיש הארץ, מרגיש ממלכות, כמה פטרין (מקטריגים, און דינים וואס זענען שורה אויפן וועלט) ברקיע, נשקטים ביום הזה בשבילך".

און דאס איז אונזער עבודה אין די היינטיגע טאג - בפרט פאר ענק בחורי קודש - זיך צו אפלערנען פון זיינע הייליגע דרכים, און עס נעמען צו אונזער עבודה לויט אונזערע השגות און מדריגות. טראץ וואס אונז זענען צו קליין צו קענען בכלל משיג זיין די גאר הויכע עבודה און מדריגות פון רשב"י, אבער פונדעסטוועגן דארפן אונז זיך אפלערנען וואס אונז קענען, און שטייגן דערמיט אין אונזער עבודה.

## עובדא דרבי שמעון בר יוחאי

עס איז באקאנט די גמרא אין מסכת שבת[ב], וואס ברענגט אראפ די מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי, אז רבי יהודה, רבי יוסי און רבי שמעון בר יוחאי, זענען געזיצן אינאיינעם, צוזאמען מיט זיי איז געזיצן יהודה בן גרים, און רבי יהודה האט אנגעהויבן אויסצורעכענען די שיינקייט פון די רומיים, זיי האבן געבויעט גרויסע מארק פלעצער, אויפגעשטעלט בריקן, און געבויעט שיינע בעדער (מרחצאות)[ג].

רבי יוסי האט דאס געהערט און האט געשוויגן, און רבי שמעון בר יוחאי האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: "אלעס וואס די רומיים האבן געבויעט, האבן זיי נישט געמיינט אונזער טובה, זיי האבן דאס געבויעט פאר זייער אייגענע הנאות און תאות. זיי האבן געבויעט מארק

---

און די ספה"ק זענען מאריך, אז די מורא'דיגע כח און קדושה ווערט נתעורר יעדע יאר, און עס איז א טאג וואס איז מסוגל פאר קבלת התפילות און תשובה מאהבה, און מסוגל אויסצו'פועל'ן אלע השפעות און ישועות.

ב דף ל"ג ע"ב. (וידוע דברי הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, שאמר פעם בעת עריכת השלחן הטהור בל"ג בעומר שפלא הוא כי סיפור המעשה שהזכירו חכמינו ז"ל בגמרא על רשב"י נמצא במסכת שבת דף ל"ג שרומז על ל"ג בעומר. והוסיף ע"ז תלמידו בקודש הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע עוד פלא גדול כי מתחילת הש"ס במסכת ברכות עד דף ל"ג במסכת שבת נזכרו ל"ב מאמרים של התנא האלקי רשב"י, ובדף ל"ג שנזכר בו המאמר של רשב"י בגנות מלכות רומי הוא מאמר ל"ג של רשב"י שהוא מכוון כנגד ל"ג בעומר).

ג ויש לציין לדברי השפת אמת (שם ד"ה כמה נאים), שהקשה איך אמר רבי יהודה כך, והלא יש איסור של 'לא תחנם', ודרשו חז"ל (עבו"ז דף כ') שאסור ליתן להם חן ולומר על נכרים שהם נאים, ותירץ שהוא אמר כן בלשון בתמיהא.

פלעצער כדי צו טון דארט עבירות, זיי האבן געבויעט מרחצאות זיך צו לאזן וואויל גיין, און האבן אויפגעשטעלט בריקן כדי צו קענען בעטן שטייערן פאר די וואס פארן דארט אריבער".

פארציילט די גמרא, ווען די רומי'שע קעניגרייך האט זיך דערוואוסט פון די ווערטער פון רבי שמעון בר יוחאי, האבן זיי גוזר געווען אויף אים מיתה, און רבי שמעון האט זיך אויסבאהאלטן אין בית המדרש צוזאמען מיט זיין זון רבי אלעזר.

א צייט שפעטער, ווען די גזירה האט זיך פארשטערקערט, האט דער הייליגער תנא רבי שמעון זיך מער נישט געוואלט אויסבאהאלטן אין בית המדרש, אויסזארג אז די רומיים וועל זיך דערוויסן וואו ער געפונט זיך. דעריבער האט רבי שמעון פארלאזט דער בית המדרש, און איז געגאנגען זיך באהאלטן אין א מערה.

זייענדיג דארט אין די מערה אפגעשיידט פון די גאנצע וועלט, אנדעם וואס קיינער זאל וויסן וואו זיי געפונען זיך, איז רבי שמעון געזיצן צוזאמען מיט זיין זון רבי אלעזר. דורכאויס די טאג זענען זיי געזיצן אן קיין קליידונג, צוגעדעקט מיט זאמד ביזן האלדז, כדי די קליידער זאל נישט פארפוילט ווערן, און אזוי האבן זיי געלערנט א גאנצע טאג, נישט האבנדיג עפעס אנדערש אויפן וועלט, און בלויז צום דאווענען האבן זיי זיך אנגעטון די קליידער.

דער אויבערשטער האט געמאכט א נס, אינעם מערה איז באשאפן געווארן א באקסער בוים, צו קענען עסן די פירות, און א קוואל וואסער, צו קענען טרינקן. אזוי איז דאס אנגעגאנגען א יאר נאך א יאר, פאר גאנצע צוועלף יאר ברציפות, איז רבי שמעון מיט זיין זון געזיצן איינזאם אליינ'ס אין די מערה, און געלערנט תורה, און געדינט דעם אויבערשטן.

דארט אין די מערה, האט רבי שמעון בר יוחאי צוזאמען מיט זיין זון רבי אלעזר, זוכה געווען צו משיג זיין מורא'דיגע השגות אין נגלות התורה און אין סודות התורה. און דורכאויס די אלע יארן זיי זענען אנגעקומען צו הויכע מדריגות וואס א ילוד אשה האט נאך קיינמאל נישט משיג געווען אויף די וועלט.

נאך צוועלף יאר איז אליהו הנביא געקומען צו די פתח המערה, און מודיע געווען אז דער רומי'שער קעניג איז שוין געשטארבן און די גזירה איז בטל געווארן, דערנאך זענען זיי צוריק אריין אין די מערה פאר נאך צוועלף חדשים, ביז עס איז געקומען א בת קול און געזאגט, זיי זאלן ארויסגייןד.

## 'החבא בתוך מערה, מפני הגזירה, שם למד סתרי תורה'

ווען מען טראכט אביסל אריין און מען איז זיך מתבונן, ווי אזוי עס זעט אויס ווען מען לייגט אריין א מענטש אין א מערה פאר גאנצע דרייצן יאר, מען זיצט אויף איין פלאץ פאר אזויפיל יאר אן די מעגליכקייט צו קענען ארויסגיין, מען איז פארשפארט אין די מערה, און מען קען נישט אריין אדער ארויס.

מען טרעפט נישט קיין מענטשן, ס'איז נישטא קיין ביהמ"ד מיט חברים צו לערנען, מען איז איינזאם אליינ'ס אויפן וועלט, מען געפונט זיך בייטאג און ביינאכט אין די זעלבע ד' אמות, מען קען ניטאמאל אנטון קליידונג וויבאלד עס קען פארפוילט ווערן, אונז האבן ניטאמאל א השגה וואס דאס איז בכלל.

יעדן טאג האט רבי שמעון בר יוחאי געבעטן דער אויבערשטער ער זאל קענען ארויסגיין פון די מערה, און ער זאל באפרייט ווערן פון

---

ד אזוי ווי די גמרא ברענגט דארט (שבת לג:) וז"ל, 'איתבו תריסר שני במערתא. אתא אליהו וקם אפיתחא דמערתא, אמר, מאן לודעיה לבר יוחי דמית קיסר ובטיל גזרתיה, נפקו. חזו אינשי דקא כרבי וזרעי, אמר, מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה, כל מקום שנותנין עיניהן, מיד נשרף. יצתה בת קול ואמרה להם, להחריב עולמי יצאתם, חיזרו למערתכם. הדור אזול. איתיבו תריסר ירחי שתא. אמרי, משפט רשעים בגיהנם, שנים עשר חדש. יצתה בת קול ואמרה, צאו ממערתכם, נפקו. כל היכא דהוה מחי רבי אלעזר, הוה מסי רבי שמעון. אמר לו, בני, די לעולם אני ואתה. בהדי פניא דמעלי שבתא חזו ההוא סבא דהוה נקיט תרי מדאני אסא, ורהיט בין השמשות. אמרו ליה, הני למה ל, אמר להו, לכבוד שבת. ותיסגי לך בחד, חד כנגד זכור, וחד כנגד שמור. אמר ליה לבריה, חזי כמה חביבין מצות על ישראל, יתיב דעתייהו וכו' ע"כ.

די אומגליק וואס האט אים באטראפן. ער האט יעדן טאג געטראכט אז אפשר וועט ער שוין קענען ארויסגיין, אבער עס איז גייט פארביי נאך א טאג און נאך א טאג, און ער געפונט זיך נאכאלץ אינעם מערה.

יעדע'ס טאג וואס עס גייט אריבער, און ער געפונט זיך נאכאלץ פארשפארט אינעם מערה, ווערט עס שווערער און שווערער, יעדן טאג טוט נאכמער פארשווערן די איינזאמקייט, פון זיצן אליינ'ס אין א מערה, און רבי שמעון שטייט און בעט דעם רבש"ע 'זיי מבטל די גזירה און נעם מיך ארויס פון דא'.

עס איז טאקע געווען דארט א מעלה, אז דער אויבערשטער האט געמאכט א נס, עס איז באשאפן געווארן א באקסער בוים מיט א קוואל וואסער, וואס דורכדעם האט ער געקענט עסן און טרינקן, אבער אין א געוויסע זין האט דאס נאכמער פארשווערט זיין מצב.

וויבאלד, ווען רבי שמעון איז אריין אין די מערה, נישט האבנדיג גארנישט מיט זיך, האט ער געוואוסט אז דער אויבערשטער וועט אים זיכער מוזן דא העלפן, ער וועט נישט בלייבן דא אזוי לאנג, אבער דורכדעם וואס ער האט געזען אז דער אויבערשטער האט געדארפט מאכן אזא נס, מיינט דאס צו זאגן, אז ער גייט נאכנישט ארויס פון דא אזוי שנעל, ער גייט נאך דא פארבלייבן א לענגערע צייט, און דערפאר שטעלט אים דער אויבערשטער צו ער זאל זיך קענען שפייזן די לאנגע צייט וואס ער געפונט זיך דא אינעם מערה[ה].

ה עס איז באקאנט אז אין די צייטן פון דער הייליגער חתם סופר זי"ע, איז געווען א פארבאט אויף אידן צו האנדלן און האבן געשעפטן, אזוי אויך האבן די אידן נישט געמעגט קויפן הייזער אין די גרויסע שטעט. און עס איז געקומען א צייט, די רעגירונג האט אראפגענומען די פארבאט, און געגעבן מער פרייהייט פאר די אידן. עס האט געהערשט דעמאלטס א גרויסע שמחה ביי די אידן, אז ב"ה דער אויבערשטער האט געהאלפן, ענדליך וועט מען שוין קענען אנפאנגען צו מאכן געשעפטן געהעריג, מען וועט קענען קויפן הייזער און וואוינען אין די גרויסע שטעט.

**אבער** דער הייליגער חתם סופר האט דאס אנגעקוקט אינגאנצן אנדערש, און האט דעמאלטס געגעבן א דרשה און געזאגט, אז דאס איז בכלל נישט קיין

**"נישט נאר וואס דער אויבערשטער הערט נישט אויס זיין תפילה, ער באקומט גאר א רמז אז ער וועט נאך דארפן אפזיצן אין די מערה פאר א לאנגע צייט"**

דער הייליגער תנא ר' שמעון דאוועגט יעדן טאג ער זאל קענען ארויסגיין פונעם מערה, און דא שיקט אים דער אויבערשטער א סימן - עס ווערט באשאפן א באקסער בוים מיט א קוואל וואסער - וואס ווייזט אים זייער קלאר אז ער גייט נאך פארבלייבן דא א לאנגע צייט.

נישט נאר וואס דער אויבערשטער הערט נישט אויס זיין תפילה, ער באקומט גאר א רמז אז ער וועט נאך דארפן אפזיצן א לאנגע צייט, וואס דאס האט פילפאכיג פארשווערט דאס איינזאמקייט פון זיין אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט.

---

שמחה, דאס איז א גרויסע צרה, ווייל ווילאנג די גוים האבן אונטערדרוקט די אידן, מען האט זיי נישט געלאזט לעבן נארמאל, האט מען געוואוסט אז דער אויבערשטער וועט דאס נישט קענען צולאזן פאר צולאנג, ער וועט אונז מוזן אויסלייזן פון די שווערע גלות. אבער איינמאל מען האט אנגעהויבן נאכצולאזן פון די שווערע גזירות, ווייזט אונז דער אויבערשטער אז מען גייט נאך זיצן דא א לאנגע צייט, וואס דאס איז א גרויסע צער און א גרויסע צרה.

**דרשה** זו נדפסה בדרשות חת"ס (ח' טבת תקצ"ג דף צב: טו"ג). ובסוף הדרשה נשא משלו הנ"ל לבאר אשר אה"נ טובה גדולה היא לעניני הגוף אבל נפשינו עגומה עלינו וצרה גדולה היא אשר נתרחקנו מבית חיינו ומאווינו הלוא היא ארצינו הקדושה בקיבוץ גליות (דף צג. טו"א ד"ה ולבאר). וראה שם בהערות 'שער יוסף' שדרשה זו כתב תלמידו הגה"ק רבי הלל ליכטנשטיין אב"ד קאלאמייע באריכות בטוטו"ד המשל והנמשל בספרו 'משכיל אל דל' (ח"ב כלל י) שהיה נוכח בדרשה זו.

**וראה** עוד בספר חוט המשולש (-תולדות החת"ס זיע"א חברו נכדו הג"ר שלמה סופר מבערגסאס ז"ל בן מרן הכת"ס זצ"ל) בפרק 'אודות שיווין זכויות שניתן ליהודים' שהביא המשל ונמשל הנ"ל, ובהמשך כתב ש'צעק מרה בלהבות אש: **רבותי! "איך האלטס ניכט מעהר אויס איך מוז מטיח דברים כלפי מעלה זיין" מה לו לאב שהגלה את בניו, מה חסר לו לאבינו שבשמים "וואס פעהלט איהם", אשרי למלך שמקלסין אותו בביתו כך בתורה ותפלה ומה גם בארץ נכריה, אבל אוי להם לבנים שגלו משלחן אביהם** וכו'" וגעה בבכי ונמס כל לב'.

אונז קענען זיך ניטאמאל פארשטעלן די שווערקייט דערפון, דאס איז די שווערסטע נסיון פון א מענטש, עס איז אומדערטרעגליכע יסורים, ווען מען געפונט זיך אליינ'ס אויפן וועלט, נישט האבנדיג קיינעם מיט וועמען צו רעדן, זייענדיג איינזאם אליין, און עס פאדערט העכערע כוחות למעלה מגדר האנושי[ו].

## 'במערות צורים שעמדת, שם קנית הודך והדרך'

אבער וואס האט פאסירט אין די מערה? וואס האט פאסירט במשך די דרייצן יאר? דורכדעם וואס רבי שמעון איז געווען אפגעטיילט פון די גאנצע וועלט, זייענדיג אפגעשיידט פון די גאנצע עולם הזה, און איז געזיצן און געלערנט, האט ער זוכה געווען צו מורא'דיגע השגות אין די טיפע סודות התורה, עס האט אויפגעלאכטן א אויסטערלישע אור התורה. ער האט זוכה געווען צו א געטליכע ליכטיגקייט וואס איז אראפגעקומען פון הימל.

עס איז פארביי געגאנגען נאך א יאר און נאך א יאר, און רבי שמעון בר יוחאי איז משיג מער און מער סודות אין קדושת התורה, וואס איז נאכנישט נתגלה געווארן אויף די וועלט זייט מתן תורה[ז], און רבי שמעון

ו אזוי ווי מען האט שוין אסאך מאל מאריך געווען בס"ד אין די פריערדיגע שמועסן, אז מען געפונט דעם ענין ביי פארשידענע צדיקים, אזוי ווי ביי יוסף הצדיק וואס איז געווארן פארקויפט קיין מצרים, משה רבינו וואס איז געווען זעכציג יאר אפגעזונדערט פון כלל ישראל, און דוד המלך וואס איז פארטריבן געווארן פון זיין משפחה פאר כמעט דרייסיג יאר. און דורכ'ן זיך שטארקן אין די שווערע מצבים, דאס האט זיי צוגעברענגט צו זייערע מורא'דיגע הויכע מדריגות.

ז אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (רעיא מהימנא, פרשת פנחס דף רלב.), 'מיד דשמעו מלין ר"ש וכל חברייא אמרו בריך אלהא דזכינא למשמע מלין מההוא דאתקרי רבן של נביאים רבן דחכמים רבן דמלאכי השרת דקודשא בריך הוא ושכינתיה מדבר על פומוי וכתב על ידוי רזין אלין דלא אשתמעו כוותייהו ממתן תורה ועד כען', ע"כ.

**און** אזוי אויך ווערט געברענגט אין זוהר הק' (תיקונים ח"ב דף עד:), 'כל רזין וכל עומקין דאורייתא וכל מדידו דכל משחתין בכל אינון סטרין. אלין מפתחן איתמסרו ליה

בר יוחאי האט דארט זוכה געווען צו א מורא'דיגע גילוי אלקות[ח], און אליהו הנביא האט זיך מתגלה געווען צו ר' שמעון און צו זיין זון ר' אלעזר צוויי מאל א טאג און געלערנט מיט זיי תורה[ט].

און עס ווערט געברענגט אין די ספרי מקובלים, אז די זעלבע ליכטיגקייט וואס משה רבינו האט צו דעם זוכה געווען 'קרן אור פניו', האט רבי שמעון בר יוחאי זוכה געווען זייענדיג אין די מערה, און ווערט אנגערופן אין זוה"ק 'בוצינא קדישא', וואס איז א לשון פון א געטליכע ליכטיגקייט וואס שטראלט אויף די גאנצע וועלט[יא].

---

למשה בסיני בשעתא דקרן עור פניו ומסר לון ברזא דלחישו ליהושע וכל אינון סבין עד דמטו למארי מהימנותא למנדע זכאה חולקהון בעלמא דין ובעלמא דאתי', ע"כ.

ח כדאיתא מרבינו האריז"ל (ליקוטי ש"ס, ריש מסכת שבת) 'כי שם במערה נגלה אליו האלקים'.

ט כדאיתא בריש ספר תיקונים, ובזוהר חדש פרשת כי תבא, דאליהו הנביא זכור לטוב אתי להון תרין זימני ביומא, ולמד עמהם, עיי"ש. ואח"כ כשרשב"י נתעלה במעלות רמות, היה אליהו הנביא קרא לרשב"י 'רבי' (כמ"ש בזוה"ק ח"א דף א. ובח"ג דף קמ"ד - קמ"ה ובעוד מקומות).

י זוהר הק' ח"ג דף רלד. 'בריך אנת בוצינא קדישא, בוצינא דדליק קמי מלכא ומטרוניתא, נר ה' איהי נשמה דילך'. וע"ע בזוה"ק ח"ג דף רעג. ועוד הרבה.

יא איתא בספר 'לבנת הספיר' (מהרה"ק רבי דוד זצ"ל בנו של רבינו יהודה החסיד זי"ע, פרשת בראשית דף ג.), שכתב לבאר דברי הזוהר הק' (ח"ג קנט.), 'תא חזי לית רשו לבני עלמא למימר מלין סתימין ולפרשא לון, בר בוצינא קדישא רבי שמעון, דהא קודשא בריך הוא אסתכם על ידוי' ע"כ. פירוש הסכים על ידו דעביד ליה ניסא במערת משה ואליהו ז"ל, תליסר שנין חרובא ועינא דמיא ועסיק באורייתא עילאה הוא ובריה ע"כ. אז די מערה איז געווען די זעלבע מערה ווי משה רבינו און רבי עקיבא זענען געווען און האבן דארט משיג געווען זייערע הייליגע און מורא'דיגע השגות. (ועיין עוד בארוכה בכ"ז בספר 'כוחו דרשב"י' מהחסיד המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל, מערכה א').

**ובזה** פירשו המפרשים בדברי השיר בזמר 'בר יוחאי', "במערות צורים שעמדת, שם קנית הודך והדרך", ע"פ מאמר הכתוב (שמות לד, כט), 'ומשה לא ידע כי קרן עור פניו בדברו אתו', ורש"י שם מפרש, ומהיכן זכה משה לקרני ההוד, רבותינו אמרו (שמות רבה מז ח) מן המערה שנתן הקב"ה ידו על פניו, שנאמר (שם לג, כב) 'ושמתיך בנקרת הצור ושכותי כפי עליך עד עברי', והנה רבי שמעון בר יוחאי, נשמתו היתה ניצוץ מנשמת משה רבינו ע"ה. וזהו הרמז במערות צורים שעמדת, בנקרת הצור,

אינצווישן איז די גאנצע שוועריקייט פארשוואונדן געווארן, עס האט אנגעהויבן צו ווערן לעכטיג, די אור תורה האט אנגעהויבן צו שיינען, רבי שמעון האט דערגרייכט מורא'דיגע השגות אין תורה, השגות וואס א ילוד אשה האט נאכנישט זוכה געווען צו משיג זיין אויף די וועלט, ער האט זוכה געווען צו א געטליכע ליכטיגקייט וואס איז אראפגעקומען פון הימל און שורה געווען אויף אים.

**"אינצווישן איז די גאנצע שוועריקייט פארשוואונדן געווארן, עס האט אנגעהויבן צו ווערן לעכטיג, די אור תורה האט אנגעהויבן צו שיינען, און רבי שמעון האט דערגרייכט מורא'דיגע השגות אין תורה, וואס א ילוד אשה האט נאכנישט זוכה געווען צו משיג זיין"**

אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[יב], נאכדעם וואס רבי שמעון איז ארויס פון די מערה, איז אים אנטקעגן געקומען זיין גרויסער שווער רבי פנחס בן יאיר, און האט אים געטראפן מיט שרעקליכע יסורים, פון זיין אזוי פיל יאר אין די מערה, און זיצן אין זאמד, און האט זיך זייער מצטער געווען אויף דעם.

האט רבי שמעון בר יוחאי געזאגט: "**אשריך שראיתני בכך, שאילמלא לא ראיתני בכך, לא מצאת בי כך**", וואויל איז דיר וואס דו זעסט מיר אזוי, ווייל אויב וואלסטו מיר נישט געזען אזוי, און איך וואלט נישט געווען אין די מערה פאר אזוי פיל יאר, וואלט איך נישט משיג געווען די אלע געוואלדיגע השגות אין תורה און אין קדושה, וואס איך האב משיג געווען אין די מערה[יג].

---

שם קנית הודך והדרך, הקרני ההוד.

יב שבת ל"ג ע"ב.

יג ראה שם בגמרא, וז"ל, 'שמע רבי פנחס בן יאיר חתניה ונפק לאפיה, עייליה לבי בניה הוה קא אריך ליה לבישריה, חזי דהוה ביה פילי בגופיה, הוה קא בכי, וקא נתרו דמעת עיניה וקמצוחא ליה. אמר לו, אוי לי שראיתיך בכך, אמר לו, אשריך שראיתני בכך, שאילמלא לא ראיתני בכך, לא מצאת בי כך. דמעיקרא כי הוה מקשי רבי שמעון בן יוחי קושיא, הוה מפרק ליה רבי פנחס בן יאיר תריסר פירוקי, לסוף כי הוה מקשי רבי פנחס בן יאיר קושיא, הוה מפרק ליה רבי שמעון בן יוחי עשרין

**"ער האט געדאנקט און געלויבט דער אויבערשטער אז ער האט נישט אויסגעהערט זיינע תפילות, ער האט פארשטאנען אז נאר בזכות דעם האט ער זוכה געווען צו משיג זיין די אלע השגות אין תורה"**

דאס הייסט, אז נאר צוליב דעם וואס רבי שמעון בר יוחאי איז געווען אזוי פיל יאר אין די מערה האט ער זוכה געווען צו די אלע מדריגות, נאר צוליב דעם וואס ער איז געווען אפגעזונדערט פון די וועלט, און אפגעשיידט פון די עולם הזה, האט ער זוכה געווען צו וואקסן 'רבי שמעון בר יוחאי'.

און נאך ווען די אלע יארן איז אריבער, נאכדעם וואס רבי שמעון איז ארויס פון די מערה, און ער האט צוריקגעקוקט אויף אלעס וואס עס האט פאסירט, האט ער געדאנקט און געלויבט דער אויבערשטער אז ער האט נישט אויסגעהערט זיינע תפילות, ער האט שוין אלעס פארשטאנען. ער האט פארשטאנען אז נאר בזכות דעם האט ער זוכה געווען צו משיג זיין די אלע השגות אין תורה, און דערגרייכט צו די מורא'דיגע מדריגות.

אויב וואלט דער אויבערשטער אויסגעהערט זיינע תפילות וואלט טאקע געווען גוט אויפן מינוט, ער וואלט זיך געקענט צוריק-קערן צום בית המדרש און לערנען ווייטער מיט זיינע חברים די הייליגע תנאים, אבער ער וואלט נישט זוכה געווען צו די אלע מורא'דיגע השגות.

און ער האט פארשטאנען אז דער אויבערשטער האט אים מזכה געווען, און אים געגעבן די מורא'דיגע זכיה אז ער האט נישט אויסגעהערט זיינע תפילות וואס ער האט געבעטן זייענדיג פארשפארט אינעם מערה, דער אויבערשטער האט דאס געטון כדי ער זאל קענען זוכה זיין צו אלעס וואס ער האט זוכה געווען במשך די דרייצן יאר אינעם מערה.

---

וארבעה פירוקי', ע"כ.

## 'אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה'

דאס איז דער ענין וואס אונז אלע קענען זיך אפלערנען דערפון, יעדע בחור האט כסדר פארשידענע זאכן וואס ער בעט און דאווענט, ער וויל מצליח זיין אין תורה, ער וויל מצליח זיין אין עבודה. יעדע בחור האט געוויסע מאל וואס ער גייט אריבער פארשידענע שווערע זמנים, און ער בעט דער אויבערשטער זאל אים העלפן, ער בעט דער אויבערשטער זאל אים געבן הרחבת הדעת, ער זאל קענען זיצן און לערנען מיט א רואיגקייט.

אבער ער ווערט זייער אנטוישט, ער דאווענט און דאווענט, אבער דער אויבערשטער הערט אים נישט אויס, דער אויבערשטער ענטפערט נישט זיין תפילה, ער פארשטייט נישט וואס גייט פאר, "איך וויל דאך פארשטיין א בלאט גמרא", פארוואס העלפט מיר נישט דער אויבערשטער? פארוואס דארף איך זיך אזוי מוטשענען?

דאס איז וואס אונז קענען זיך ארויסלערנען פון רבי שמעון בר יוחאי, אזוי ווי דער הייליגער תנא ר' שמעון איז געווען אין מערה, און געדאווענט צום אויבערשטן, מיט וואס האב איך געזינדיגט אז איך דארף שמאכטן אין די מערה? פארוואס העלפסטו מיר נישט?

אבער צום סוף איז דאס געווען די שליסל צו די מורא'דיגע השגות, די דרייצן יאר פון מורא'דיגע יגיעה אין די מערה, דאס איז געווען באשערט פון הימל, דאס איז געווען די סיבה צו די מורא'דיגע מדריגות וואס ער האט זוכה געווען, און דערצו האט כלל ישראל זוכה געווען צו הייליגע אור פון רשב"י וואס שיינט און לייכט עד היום הזה.

דאס זעלבע דארף א בחור וויסן, די **שוועריקייטן וואס דו גייסט אריבער, דאס איז די שליסל פון דיין הצלחה, דאס איז די סיבה פון דיין הצלחה, וואס דורכדעם**

**"ער ווערט זייער אנטוישט, ער דאווענט און דאווענט, אבער דער אויבערשטער הערט אים נישט אויס, דער אויבערשטער ענטפערט נישט זיין תפילה, ער פארשטייט נישט וואס גייט פאר"**

**וועסטו בס"ד מצליח זיין, און דורכדעם וועסטו אנהייבן צו שיינען און לייכטן מיט אלע דיינע כוחות.**

אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[יד], **'אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה'**, די תורה קען זיך נאר האלטן אין דער וואס איז זיך ממית אויף די תורה, ער גייט אריבער שוועריקייטן צו קענען משיג זיין און זוכה זיין די תורה.

דאס איז א תנאי אין קבלת התורה, אנדעם איז נישט מעגליך מען זאל קענען זוכה זיין צו תורה, נאר **דורכדעם וואס מען גייט אריבער שוועריקייטן און מען שטארקט זיך, מען האלט זיך פעסט, און מען לאזט נישט נאך, מען ווערט נישט צובראכן פון זיך, דעמאלטס איז מען זוכה צו קונה זיין די אמת'ע אור וקדושת התורה.**

און אונז דארפן דאנקען דער אויבערשטער אויף די אלע חסדים און גוט'ס וואס ער געבט אונז היינטיגע צייטן, אונז האבן טאקע נישט די שווערע נסיונות אזוי ווי אמאל, אונז האבן נישט די אמאליגע שוועריקייטן, וואס די בחורים האבן געהאט אמאליגע צייטן ווען זיי האבן געוואלט לערנען תורה.

אמאל ווען א בחור איז געפארן לערנען תורה, האט ער געדארפט פארן צו ישיבה, מען האט אים גארנישט צוגעשטעלט, ער האט נישט געהאט ווי צו עסן און ווי צו שלאפן, א בחור האט געמוזט גיין עסן 'טעג' ביי די בעלי בתים אין שטאט, און צומאל האט מען כמעט גארנישט באקומען, מען איז ארויסגעגאנגען הונגעריג און זיך צוריק געזעצט צו די גמרא. מען האט זיך געמוטשעט טאג-טעגליך, אבער די איינציגסטע חיות איז געווען נאר פון תורה.

> **"נאר דורכדעם וואס מען גייט אריבער שוועריקייטן און מען שטארקט זיך, און מען לאזט נישט נאך, נאר דעמאלטס איז מען זוכה צו קונה זיין די אמת'ע אור וקדושת התורה"**

יד ברכות סג:

דאקעגן היינטיגע צייטן האט א בחור נישט אזעלכע דאגות, מען שטעלט היינט צו אלעס פאר בחור, כדי ער זאל קענען לערנען און שטייגן מיט א רואיגקייט, עס איז נאכנישט געווען אזא דור זינט די חורבן בית המקדש וואס עס איז געווען אזוי גוט צוגעשטעלט פאר א בחור צו קענען לערנען, די עלטערן שטעלן אלעס צו פאר די קינדער, די ישיבות שטעלן אלעס צו פאר די בחורים, זיי זאלן קענען לערנען.

אבער די מציאות ווי אזוי דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט זיין וועלט איז, אז אן קיין שוועריקייטן קען מען נישט מצליח זיין, און וויפיל מען וועט זיך פראבירן צו לייכטער מאכן פון איין זייט, וועט פון די אנדערע זייט ארויסשפראצן אנדערע פראבלעמען און שוועריקייטן, ווייל דאס איז א תנאי כפול ומכופל צו קענען קונה זיין תורה, מען קען נישט קונה זיין תורה אן קיין יגיעה און אן קיין יסורים.

מי לנו גדול פון דער הייליגער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, וואס איז געזיצן און געלערנט צוזאמען מיט זיינע הייליגע חברים די תנאים, און כדי קונה צו זיין די מורא'דיגע סודות און קדושת התורה, האט ער געמוזט אנטליפן פון ביהמ"ד, און זיין פארמאכט אין א מערה פאר דרייצן יאר.

דער אויבערשטער האט אים נישט געלאזט רואיג, ער האט נישט געקענט פארבלייבן אין בית המדרש, ווייל פון אים האט געדארפט ארויסקומען אסאך מער ווי פון זיינע חברים, רבי שמעון איז געווען דער מגלה רזי וסודי התורה, און פארדעם האט זיך געפאדערט א אויסטערלישע יגיעה, כדי ער זאל קענען זוכה זיין דערצו.

דערמיט פארשטייט מען אז יעדע שוועריקייט וואס א מענטש גייט אריבער, נישט קיין חילוק וועלכע סארט שוועריקייט דאס איז, איז מיט א פונקטליכע חשבון, דער אויבערשטער האט דאס פונקטליך אויסגעשטעלט אז דאס זאל אים ברענגען צו שטייגן, ווייל נאר דורכדעם וואס מען גייט אריבער שוועריקייטן קען מען שטייגן און מצליח זיין.

און אז דער אויבערשטער העלפט, מען האט די זכי', **אז מען ווייסט פארדעם אז די שוועריקייטן קומט אויף א מענטש כדי ער זאל קענען**

**שטייגן, עס איז נאר לטובתו, און נאר דורכדעם קען ער זוכה זיין צו קונה זיין די תורה, דערמיט האט מען די כח צו זיך שטארקן אויף די אלע שוועריקייטן און נסיונות,** און דורכדעם איז מען זוכה אנצוקומען צו די ריכטיגע הצלחה און עליה אין תורה.

## די הצלחה ווענד זיך אין די יגיעה

און וויפיל א בחור וועט זיין גרייט זיך צו ממית זיין באהלה של תורה, אזוי פיל וועט ער מצליח זיין. די הצלחה ווענדט זיך אין די יגיעה וואס מען לייגט אריין, אזוי ווי מען זעט אין חז"ל אז דער הייליגער תנא רבי עקיבא, דער רבי פון רבי שמעון בר יוחאי, האט זיך גענומען לערנען תורה ביי די פערציג יאר, און עס איז אים אנגעקומען ביטער שווער, אבער דייקא דער רבי עקיבא איז אויסגעוואקסן פון די גרעסטע תנאים און כלל ישראל[טו].

**"עס איז קיינמאל נאכנישט געווען אז איינער האט זיך געמוטשעט און זיך געפלאגט פאר תורה, און האט נישט מצליח געווען, עס איז נישט פארהאן אזא זאך, אויב האט מען נישט מצליח געווען איז וויבאלד מען האט זיך אויפגעהערט צו מוטשען"**

**ווייל עס איז קיינמאל נאכנישט געווען אז א איד אין כלל ישראל וואס האט זיך געמוטשעט און זיך געפלאגט פאר תורה, און האט נישט מצליח געווען, עס איז נישט פארהאן אזא זאך, אויב האט מען נישט מצליח געווען איז וויבאלד מען האט זיך אויפגעהערט צו מוטשען[טז].**

---

**טו** מער איבער דעם ענין איז בס"ד אויסגעשמועסט געווארן בהרחבה אינעם מאמר 'גלייבן און אויסנוצן די אייגענע כוחות' - חלק א', און אינעם מאמר 'עבודה ממושכת - קוקן אויפן גרויסע בילד'.

**טז** און אזוי ווי מען האט שוין כמה פעמים מאריך געווען אין די ווערטער פון תוספות (כתובות סב: ד"ה אדעתא) וואס פרעגט א קשיא, ווי אזוי האט כלבא שבוע געקענט מתיר זיין די נדר אויף רבי עקיבא, והלא אסור לפתוח בנולד? מען קען נישט

און ווען עמיצער גייט אריבער שוועריקייטן, און ער מוטשעט זיך און עס גייט אים שווער, דארף ער טראכטן צו זיך, **"האב איך זיך שוין געמוטשעט אזוי פיל ווי רבי עקיבא?", "בין איך שוין אריבער אזויפיל יסורים ווי רבי שמעון בר יוחאי?"**, און צום סוף וועט מען זיכער מצליח זיין, די אור התורה וועט אויפשיינען, און מען זוכה זיין צו מורא'דיגע השגות אין תורה.

אזוי ווי ווען מען וועט פרעגן א מענטש, פארוואס עפנט ער נישט אויף א ביזנעס, און יענער ענטפערט, "איך וויס נישט צו איך וועל מצליח זיין", "איך מיין איך טויג נישט פארדעם", וועט מען אים פרעגן: "האסטו פראבירט?". און דאס איז זיכער אז אויב ווער נישט פרובירן וועט ער זיכער נישט מצליח זיין, ווייל ער האט בכלל נישט פראבירט.

עס האט נישט צוטון צו מען האט א גוטע קאפ אדער א שוואכע קאפ, עס האט בלויז מיט איין זאך, צו מען איז גרייט זיך צו מייגע זיין אין תורה, און אויב איז מען גרייט, העלפט דער אויבערשטער אז מען איז מצליח. ווייל נישט דוקא דער מענטש וואס האט א גוטע קאפ איז מצליח, און נישט דוקא דער וואס האט א שוואכע קאפ איז נישט מצליח, דער וואס איז געווען גרייט צו משקיע זיין, ער האט מצליח געווען סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

און דער אויבערשטער האט ספעציעל אויסגעשטעלט אז אונזערע גדולים, די הייליגע תנאים, האבן מצליח געווען נאר דורך יגיעה, כדי אונז זאלן זיך לערנען די דרך העבודה, אז דאס פארלאנגט מען פון אונז כדי אונז זאלן קענען מצליח זיין.

---

מתיר נדר זיין אויף א זאך וואס איז נאך נישט געווען פארהאן בשעת מען האט געמאכט דער נדר, און בשעת כלבא שבוע האט געמאכט די נדר האט רבי עקיבא נאכנישט געקענט לערנען. ענטפערט תוספות, 'ויש לומר דהכא לא חשיב נולד כיון שהלך לבי רב, דדרך הוא בהולך ללמוד שנעשה אדם גדול'. עס הייסט נישט אז עס נאכנישט פארהאן, וויבאלד רבי עקיבא איז געגאנגען לערנען, און דער דרך איז אז ווער עס גייט לערנען וואקסט אויס א אדם גדול. און דער פשט דערפון איז זייער פשוט, אז דורכדעם וואס מען איז גרייט זיך צו מתייגע זיין אין לערנען איז זיכער אז מען וועט מצליח זיין, מען דארף נאר וועלן און זיין גרייט זיך צו מוטשענען.

מען דארף נאר האבן די שכל, אז ווען עס קומט אונטער א שוועריקייט זאל מען נישט אנטלויפן דערפון, מען זאל נישט פראבירן צו פטור ווערן דערפון, ווייל עס איז אוממעגליך צו אנטלויפן פון א שוועריקייט, דאס איז די וועג ווי אזוי מען איז מצליח, דורכדעם וואס מען שטארקט זיך און מען מוטשעט זיך, דורכדעם איז מען זוכה צו אור און חיות אין די הייליגע תורה.

זאל דער אויבערשטער העלפן, דורכדעם וואס אונז וועלן מקבל זיין די עול התורה, מען וועט זיין גרייט צו לערנען תורה מיט יגיעה, וועט דער אויבערשטער העלפן, עס וועלן זיך עפענען די שערי אורה והשגה, מען וועט קענען זוכה זיין צו גרויסע השגות, בפרט אין אזא גרויסן טאג, וואס רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט[יז], '**יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין**'[יח], מען וועט זוכה זיין צו אויסוואקסן לעכטיגע תלמידי חכמים, יראי ה', עד ביאת גואל צדק, במהרה בימינו, אמן.

---

**יז** סוכה מה:

**יח** וראה בשפתי צדיק ל"ג בעומר, א. ובשו"ת מהרש"ם בהקדמה לחלק ב', שבכל שנה ביומא דהילולא של הרשב"י, הוא עומד וממליץ טוב על בני ישראל לפוטרם מן הדין, ומבטל את כל הגזירות.



שבת מלכא קדישא
למען דעת כי יום השבת קדוש הוא לה' קונה ושמים וארץ מבואו ועד צאתו, ולמען דעת אל נכון לקבל מתנה טובה מבית גנזים אשר ניתן לנו באהבה וברצון.
מיוסד על דברי הקדמונים רבותינו מאורי הגולה ובמיוחד תלמידי מרן אור שבעת הימים הבעש"ט הק' זי"ע
מאת כ"ק מרן
אדמו"ר מקאסוב
שליט"א
ספר
שבת
מלכא
קדישא
הופיע שוב!
לשמחת רבים מופיע שוב חלק הראשון שכבר אזל מן השוק זה שנתיים ועכשיו מופיע עפ"י בקשת הרבים במהדורה חדשה
כמו"כ ניתן להשיג גם סעט של ב' חלקים ביחד
חלק המאמרים
לבאר את הדברים בעבים ובהקיפם ובהראות מקום איה יסוד מחצבתם, למען אשר המעיין בספר יוסיף דעת ויוסיף חיים ממקור מים חיים.
חלק הפנינים
תמצית דברים גדולים מקוצרים של דברים אשר בהם יבואו יסודות עניינים בדרך הקצר, ותועלתה רבה כי דרכה יבוא המבקש והדורש אל היכל מלך בהיותו יודע דברי קודש אל נכון
הפצה ראשית:
שארף: 718-812-5120
- בואו ונצא לקראת שבת המלכה -